וארא תשפ"ג
גליון 126

# דעם רבינ'ס ליכט



אײערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלע לֶעכטִיגע קינְדער,**

*יָאר ב' אֲלָפִים תמ"ח שְׁטָאט, רַעמְסֵס:*

מִישָׁאֵל זיצט אויף אַ שְׁטֵיין, נאָךְ אַ שְׁוֶוערע בִּיטֶערֶע טָאג אַרְבֶּעט, צַאמְצוּקְלוּיבְּן די שְׁטְרוֹי און אויסְמִישְׁן אִינֶעם גֶעדֶעכְטְן לֵיים. עֶר קְרֶעכְצְט זיךְ אויס מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ:

"ווי לַאנג נאָךְ, וֶועל אִיךְ אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער בַּיי פַּרְעֹה? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טָאג און קֵיין נַאכְט. אַ גַאנְצְן טָאג שְׁטֵייעְן אויף מִיר די אוֹיבֶּערְהַארְן און לָאזְן מִיר נִישְׁט אֲפִילוּ אַן אָטֶעם גֶעבְּן. וֶועט זיךְ אַמָאל עֶנְדִיגְן מַיין פַּיין?"

אַזוֹי אַייְנגֶעבּוֹיגֶענֶערְהֵייט, פִילְט עֶר בַּיי זִיךְ אַ טִיפֶע יֵאוּשׁ. אִינְמִיטְן קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן נִישְׁט קֵיין בַּאקַאנְטֶער אִיד מִיט אַ גֶעטְלִיכֶער פָּנִים און לֵייגְט זַיין הַאנְט אויף מִישָׁאֵל'ס פְּלֵייצֶע.

"פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר? פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פַּארְלָאשְׁן? דוּ ווייסְט אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען בִּשְׁלִיחוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער דִיר אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דַיין שִׁעְבּוּד ווי דִי בִּיסְט אַזוֹי אוּנְטֶערְדְרִיקְט?! דוּ ווייסְט בִּכְלַל וֶוער דוּ בִּיסְט?! בִּיסְט נִישְׁט קֵיין קְנֶעכְט פַאר פַּרְעֹה, דוּ בִּיסְט אַ בַּאלִיבְּט קִינְד פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער!" זָאגְט עֶר אִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט, "און ווייסְן זָאלְסְטוּ אַז בִּיז גָאר אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן פוּן מִצְרַיִם און נִישְׁט נָאר דָאס, דוּ וֶועסְט זִיךְ בַּאגֶעגֶענֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים בַּיי מַתַּן תּוֹרָה!"

מִישָׁאֵל זִיצְט ווייטֶער אוֹיפְן שְׁטֵיין מִיט דִי פִּיס טִיף אַייְנגֶעטְרִינְקֶען אִין בְּלָאטֶע, "טוּ מִיר אַ טוֹבָה, שְׁטֶער מִיר נִישְׁט פוּן מַיין אַרְבֶּעט. אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט וָואס מוּז וֶוערְן פַארְטִיג בִּיז צְוֵויי שָׁעָה אַז נִישְׁט וֶועט זַיין בִּיטֶער. אֶפְשָׁר לֵייגְסְטוּ צוּ אַ הַאנְט אִיךְ זָאל וָואס שְׁנֶעלֶער צוּעֶנְדִיגְן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ קוּקְן אוֹיפְן הִימְל צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעט אִיךְ מַמָּשׁ ווי אַ חֲמוֹר"...

דֶער עֶלְטֶערֶער אִיד וֶוערְט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן זַיין רֶעאַקְצְיֶע, "מַיין נָאמֶען אִיז מֹשֶׁה. אִיךְ בִּין אַ שָׁלִיחַ פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן דִיר צוּ אוֹיסְלֵייזְן. און אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט מִיר נִישְׁט הָאבּ אִיךְ אוֹיף דֶעם קְלָארֶע בַּאווייזְן." און גְלַייךְ גֶעבְּט אִים מֹשֶׁה אִיבֶּער דִי סִימָנִים.

מִישָׁאֵל מַאכְט גְלַייךְ זַיין רוּקְן און הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן און הֶענְט צוּם הִימְל מִיט אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר הָאט אִים הַיינְט צוּגֶעשִׁיקְט אַזַא גוּטְן שְׁלִיחַ וָואס זָאל אִין אִים אַרַייְנְבְּלָאזְן אַ פְרִישְׁן גֵייסְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (פ"ו חלק שני) בְּרֶענְגְט, אַז וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁמָאלְקַייט אִין דִי אֱמוּנָה דַארְף מֶען אַנְשְׁטָאט דֶעם טוּן

המשך אויף זייט 7



# לייבעלע

## פארזעצונג #3

*אִין קוּרְצְן פוּן פְּרִיעֶר:*

*יִשְׂרָאֵל מֵאִיר חַבֶּר'ט זִיךְ מִיט פוֹיעֶרְן אוּן זַיין קָאפּ וֶוערְט אַבִּיסְל פַּארְדְּרֵייט פוּן אַלֶע זַייעֶרֶע מְשׁוּגַעתְ'ן. עֶר רֶעדְט אֵיין זַיין זוּן, לֵייבֶּעלֶע אַז עֶר זָאל הֵיירַאטְן מִיט אַ גוֹיטֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן. נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף עֶר טוּן פַאר דֶעם, עֶר דַארְף זִיךְ שְׁמַדְ'ן רַחֲמָנָא לִצְלָן.*

אוּן יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:

לֵייבְּל הָאט זִיךְ קוֹדֶם דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן גֶעדַאנְק, אָבֶער וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט אִים גוּט אַיינְגֶערֶעדְט אוּן פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אַלֶע גְלִיקְן אוּן רַייכְקַייט וָואס עֶס וַוארְט אִים אָפּ אוֹיבּ טוּט עֶר דֶעם שִׁידוּךְ הָאט עֶס אִים פַּארְשְׁמֶעקְט. עֶר אִיז דָאךְ סַיי וִוי גֶעוֶוען אַ וִוילְדֶער בָּחוּר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענִיצְט דִי בִּיסְל שֵׂכֶל וָואס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אִין זַיין קָאפּ. לֵיידֶער הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר רֵייסְט אָפּ זַיין אִידִישֶׁע נְשָׁמָה פוּן הֵיילִיגְן אִידִישְׁן פָאלְק, עֶר שְׁנַייד אָפּ אַ קֵייט וָואס צִיט זִיךְ שׁוֹין טוֹיזְנְטֶער יָארְן פוּן זַיינֶע זֵיידֶעס וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעלָאזְט הַארְגְ'נֶען פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען. עֶר זֶעט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן אֵיין זַאךְ, אַ שֵׁיינֶע וִוילַא, אַ וַואסֶערְפַאל, גֶעלְט וִויפִיל עֶר וִויל. בְּקִצּוּר, דִמְיוֹנוֹת אוּן חֲלוֹמוֹת פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט סַיי וִוי גָאר נִישְׁט אִיבֶּער נָאךְ הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג.

לֵייבְּל פַּארְצֵיילְט פַּאר קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס עֶר פְּלַאנְט צוּ טוּן, אֲפִילוּ פַאר זַיינֶע מְכֻלוֹמֶר'שְׁטֶע גוּטֶע חֲבֵרִים הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶט אַזַא סוֹד. עֶר כַאפְּט אַ שְׁפַּאצִיר צוּם קְלוֹיסְטֶער אִינֶעם נָאנְטְן שְׁטֶעטְל וַואנְוֶואלִיצֶע. זַיינֶע פִּיס וֶוענְדְן זִיךְ צוּם הוֹיפְּט טוֹיעֶר, עֶר קְלַאפְּט אָן אִין טִיר. פוּן צְוֵוייטְן זַייט טִיר בַּאקוּמְט עֶר אַן אוֹיפְנַאמֶע מִיט אָפֶענֶע אָרֶעמְס, גְרֵייט אַרַיינְצוּגֵיין טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. פוּן לֵייבְּלְ'ס מוֹיל גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ וִויל זִי שְׁמַדְ'ן [רַחֲמָנָא לִיצְלָן]!!"

דִי כַאטְקֶע גַלָחִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ אַזַא פִישְׁל. נִישְׁט יֶעדְן טָאג מַאכְט זִיךְ אִין אַזַא קְלֵיין שְׁטֶעטְל אַז אַ אִידִישׁ-בָּחוּר זָאל זִיךְ לַיידֶער וֶועלְן טוֹיפְן צוּ וֶוערן אַ חוֹלֶם גוֹי. אָבֶער דִי גַלָחִים וַוייסְן דָאךְ זֵייעֶר גוּט אַז אַ אִידִישׁ הֶערְצֶעלֶע - דִי פִּינְטֶעלֶע פוּן אַ אִיד קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן אַזוֹי שְׁנֶעל, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז לֵייבְּל זָאל חֲרָטָה הָאבְּן אוּן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שְׁלָאף אוּן אַנְטְלוֹיפְן, הָאבְּן זֵיי אִים פַארְשְׁפַּארְט בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט צוּגְרֵייטְן אַלֶע הֲכָנוֹת. מֶען הָאט גֶעשְׁטֶעלְט הִיטֶערְס זָאלְן הַאלְטְן אַ וַואכְזַאם אוֹיג עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן. פַאר לֵייבְּל הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז בֵּיזְדֶערְוַוייל דַארְף עֶר לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שְׁטוּתִים אוּן לָאקְשְׁן נָאר נָאכְדֶעם וֶועט עֶר קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ זֵייעֶר גְלוֹיבְּן. הָיוּ לֹא תִהְיֶ'.

דִינְסְטָאג אִינְדֶערְפְרִי אִין מַארְק אִין שְׁטָאט נַאלְנְטְשׁוֹב: "מֹשֶׁה הָאסְט גֶעהֶערְט

וָואס גֶעשֶׁען?!"

"נֵיין, יַעֲקֹב וָואס אִיז גֶעשֶׁען",

מֹשֶׁה: "הָאסְט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהֶערְט?",

יַעֲקֹב: "נֵיין כְ'הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט",

מֹשֶׁה: "וָואס דוּ מַאכְסְט זִיךְ תַּמֶ'עוַואטֶע?"

יַעֲקֹב: "נִישְׁט תַּמֶ'עוַואטֶע אִיךְ קוּיף טָאמַאטֶע!"

מֹשֶׁה: "דֶער לֵייבֶּעלֶע",

יַעֲקֹב: "וֶועלְכֶע לֵייבֶּעלֶע, הֶערְשֶׁעלֶעס זוּן מֵיינְסְטוּ?"

מֹשֶׁה: "נֵיין, נָא, עֶם",

יַעֲקֹב: "וֶועמֶענְס?? מֹשֶׁה זֶרַחְ'ן, אַה, דוּ מֵיינְסְט זוּטְשְׁקֶעס זוּן?"

מֹשֶׁה: "זוּטְשְׁקֶע, קַאפֶּעלוּטְשְׁקֶע"

יַעֲקֹב: "אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע קַאפֶּעלוּטְשׁ אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס דוּ וִוילְסְט"

מֹשֶׁה: "אִיךְ זֶע דוּ הַאלְטְסְט בַּיי גָארְנִישְׁט!"

יַעֲקֹב: "וָואס הֵייסְט אִיךְ הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט? אִיךְ קוּיף טָאמַאטֶע, אוֹי טַאטֶע"

מֹשֶׁה: נֵיין, לֵייבֶּעלֶע דֶער כֹּהֵן, נוּ.. דֶער בָּחוּר!"

יַעֲקֹב: "גָארְנִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת, גָארְנִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת, בִּיטֶער וִוי אַ זַיִת",

מֹשֶׁה: "וָואס וֵויינְסְטוּ? וָואס אִיז גֶעשֶׁען?"

יַעֲקֹב: אוֹי, צָרַת יִשְׂרָאֵל, דֶער לֵייבֶּעלֶע, דֶער לֵייבֶּעלֶע, נֶעבֶּעך דֶער בָּחוּר, נִישְׁט גֶעהַאט גוּטֶע חֲבֵרִים, דֶער טַאטֶע זַיינֶער, נֶעבֶּעך, נֶעבֶּעך, גֶעגַאנְגֶען אִין קְלוֹיסְטֶער, וִוי קֶען אַ אִידִישׁ קִינְד, וִוי קֶען אִידִישׁ בָּחוּרְ'ל אַזוֹי פַארְקְרִיכְן?"

מֹשֶׁה: "טַאקֶע דוּ מֵיינְסְט עֶס אֶמֶת'דִיגֶע, אוֹי אִיךְ דַארְף הַיינְט אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אִין בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן זָאל שִׁיקְן מָשִׁיחַ וִוי שְׁנֶעלֶער."

פארזעצונג בעז"ה קומענדיגע וואך


# פארלוירן?!

הייליגער באשעפער, ביטע העלף מיר טרעפן דעם וועג צום רבי'ן.




מתמידים והודעתם לבניך וועט דיך בעז"ה העלפן דערנענטערן צום רבי'ן.



אמעריקע 646-585-2977
ענגלאנד 020-376-97807
ארץ ישראל 0733-517202

# איין מעשה'לע



## דער באשעפער באווייזט וואונדער פאר זיינע ליבע קינדער

### תְּפִלָּה פוּן טִיפְן הַארְצְן

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי הֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶּער וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען. אִיךְ וִויל עֶס שִׁיקְן צוּם רֶבִּינְ'ס לִיכְט אַז אוֹיךְ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען הָאבְּן חִזּוּק פוּן דֶעם:

גֵייט זִיךְ אַ אִינְגְל אִין וֶועג. עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְטְרַאכְט אוּן פַארְלוֹירְן.

'וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?' וֵויינְט עֶר אִינֶעוֵוייניג אִין זַיין הַארְץ. 'וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? וֶועל אִיךְ נָאךְ קֶענֶען לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג אִין חֵדֶר וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין? אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען! אִיךְ וִויל זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן קֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!' אַ קְרֶעכְץ רֵייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן זַיין הַארְץ.

"בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף!" שְׁרֵייט עֶר אוֹיס אוּן קוּקְט זִיךְ אִים אוֹיבּ אֵיינֶער אִין גַאס הָאט אִים בַּאמֶערְקְט. נֵיין. סְ'אִיז שַׁא שְׁטִיל אַרוּם. דִי זוּן אִיז שׁוֹין אַרָאפּ, דִי פוֹיגְלֶען שְׁלָאפְן שׁוֹין. אוֹיךְ עֶר גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט שְׁלָאפְן צוּ הָאבְּן כֹּחַ מָארְגְן צוּ קֶענֶען גֵיין אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין טְרָאץ זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער. אָבֶער קוֹדֶם אִיז עֶר יֶעצְט אוֹיפְן וֶועג צוּ פֶעטֶער שְׁמוּאֵל. דִי מַאמֶע הָאט אִים גֶעשִׁיקְט עֶפֶּעס טְרָאגְן.

"שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, וֶועלְוְול!" בַּאגְרִיסְט אִים דֶער פֶעטֶער. "פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי צוּגֶעלֵייגְט?" הָאט דֶער פֶעטֶער גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט דָא צוּטוּן...

"אוֹי," הָאט וֶועלְוְול אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קְרֶעכְץ.

"פַארְוָואס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער?" הָאט דֶער פֶעטֶער גֶעפְרֶעגְט. קוֹדֶם הָאט זִיךְ וֶועלְוְול גֶעשֶׁעמְט צוּ דֶערְצֵיילְן אָבֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם פֶעטֶעְר'ס מִילְדֶע אוֹיגְן הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט אוֹיסְצוּגִיסְן זַיין הַארְץ,

"אִיךְ לֶערְן שׁוֹין אִין כִּתָּה ז', נָאךְ אַבִּיסְל גֵיי אִיךְ שׁוֹין אַרַיין אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען. עֶס גֵייט מִיר פָּשׁוּט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ. וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ חֲזֶר'ן אוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ מִיט אַ חַבְרוּתָא, אִיז מַיין קָאפּ וִוי פַארְשְׁטָאפְּט. אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר בְּצַעַר."

פֶעטֶער שְׁמוּאֵל קוּקְט אַרַיין אִין דִי אוֹיגְן פוּן וֶועלְוְול מִיט רַחֲמָנוּת, "סְ'אִיז דִיר טַאקֶע שְׁוֶוער, רִיכְטִיג, אַזַא טַייעֶר קִינְד וִוי דִיר פַּאסְט צוּ וַואקְסְן אַ תַּלְמִיד חָכָם. אָבֶער אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אַלְס קְלֵיין קִינְד צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען. עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער בִּיז עֶס אִיז אִים לִיכְטִיג גֶעוָוארְן אִין דִי אוֹיגְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אִין אַלֶע צַייטְן גֵייט אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

אִיךְ וֶועל דִיר פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר," זָאגְט וַוייטֶער פֶעטֶער שְׁמוּאֵל. אוּן וֶועלְוְול וֵוייסְט שׁוֹין אַז יֶעצְט וֶועט דֶער פֶעטֶער דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס שְׁרֶעקֶעדִיג וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים בַּיים צְוֵוייטְן וֶועלְט קְרִיג.

"סְ'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאךְ דֶער בַּאפְרַייאוּנְג," הָאט דֶער פֶעטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן, "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר'ל, קְרַאנְק אוּן שְׁוַואךְ, קוֹים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעאָטֶעמְט. אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, טַאטֶע, מַאמֶע, בְּרוּדֶערְס, שְׁוֶועסְטֶערְס, זֵיידֶע-בַּאבֶּע, אַלֶע

מַיינֶע פֶּעטֶערְס, מוּמֶעס, קָאזִינֶען. ווייסְט וָואס דָאס מֵיינְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן פְּלוּצְלוּנְג אַלֵיין? אַלֵיין אִין דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט, שְׁרֶעקֶעדִיגֶע וֶועלְט. דִי בֶּענְקְשַׁאפְט הָאט מִיר גֶעצִיפֶּט פוּן אַלֶע זַייטְן. בַּיינַאכְט הָאב אִיךְ מִיךְ גֶע'חָלוֹמ'ט פוּן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן וָואס דִי נַאצִיס הָאבְן מִיר גֶעטוּן אוּן בַּייטָאג הָאב אִיךְ מִיךְ גֶעבֶּענְקְט.

אִיךְ הָאב גֶעהַאט אָפֶּענֶע וואוּנְדְן אִיבֶּער מַיין גַאנְצְן קֶערְפֶּער וָואס אִיז גֶעשֶׁען וֶוען אַ נַאצִי הָאט מִיר גֶעפֶערְלִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט זַיין לֶעדֶערְנֶע בַּייטְשׁ.



די שטאט שוועדן ווי די פליטים האבן זיך געקענט ערהוילן

און די וואוּנְדְן זֶענֶען גֶעוֶוען פוּל מִיט אֵייטֶער אוּן אִינְפֶעקְצִיעֶס. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנָה אַז מַיין בְּלוּט זָאל נִישְׁט פַארְגִיפְטֶעט וֶוערְן.

אִין דִי דִי.פִּי. לַאגֶערְן (אַזוֹי הָאט גֶעהֵייסְן דִי עֶרְהוֹילוּנְג'ס לַאגֶערְן וָואס דִי עֶנְגְלִישֶׁע אוּן אַמֶערִיקַאנֶער רֶעגִירוּנְג הָאבְן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט), זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע דָאקְטוֹירִים וָואס זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט דִי קְרַאנְקֶע פְּלֵיטִים. דֶערִיבֶּער הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער, פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ קַיין שְׁוֶועדְן, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בֶּעסֶערֶע דָאקְטוֹירִים אוּן שְׁפִּיטֶעלֶער.

דִי שְׁוֶועדִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אוּן זֵייעֶרֶע בִּירְגֶער זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר סִימְפַּאטִישׁ צוּ דִי לַיידֶענְדֶע אִידְן. מֶען הָאט זֵיי זֵייעֶר וַוארֶעם אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעבְרוֹיכְן. עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט פַאר דִי אִידְן אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר רוּחָנִיּוּת גֶעוֶוען אִין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה.

אִין שְׁוֶועדְן זֶענֶען לַיידֶער דָא אַ גְרוֹיסֶע רֶעפָארְמֶער גֶעמֵיינְדֶע וֶועלְכֶע הָאבְן זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ קֶענֶען אָפְּפַארְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיף זֵייעֶר וֶועג. זֵיי הָאבְן אַיינְגֶערֶעדְט פַאר דִי יוּנְגֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים אַז אִידִישְׁקַייט אִיז שׁוֹין אַ פַארְגַאנְגֶענְהֵייט. אוּן אַז מֶען מֶעג שׁוֹין טוּן וָואס מֶען וִויל חַס וְשָׁלוֹם.

'אִיר הָאט דָאךְ אַלֵיינְס גֶעזֶען וִוי מֶען הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'ט אַלֶע אִידְן, שׁוֹחֲטִים, רַבָּנִים, דַיָּנִים,' הָאבְן זֵיי גֶעזָאגְט, 'שׁוֹין. יֶעצְט מֶעג מֶען עֶסְן טְרֵיפוֹת אוּן פַארְטִיג מִיט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה (עפ"ל).'

אַסַאךְ הָאבְן נֶעבֶּעךְ גֶעגְלֵייבְּט. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק. זֵייעֶר מֹחַ אִיז גֶעוֶוען פַארְנֶעפְּלְט פוּן דִי וֵוייניג עֶסְן אוּן קְרֶענְקְן וָואס זֵיי הָאבְן גֶעלִיטְן.

אוֹיךְ דִי שְׁוֶועדִישֶׁע גוֹיִם הָאבְן צוּגֶעהָאלְפְן. אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי רְשָׁעוּת'דִיגֶע פָּאלַאקְן אוּן לִיטְוַואקֶעס, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גוּט צוּ דִי אִידְן. זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי זֵיי.

'מִיר וֶועלְן דִיר גֶעבְן פוּן שֶׁענְסְטְן אוּן בֶּעסְטְן.' זֵיי הָאבְן גֶעוִויזְן הֶערְלִיכֶע בִּילְדֶער פוּן זֵייעֶר רַייכֶע ווִילַאס וואוּ זֵיי וֶועלְן קֶענֶען וואוֹינֶען. לַיידֶער הָאבְן אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ גֶעפָאלְגְט אוּן גֶעהֵייַראט צוּ גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

און אוֹיב דָאס אִיז נַאכְנִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע פַּארְטֵייעֶן וָואס הָאבְן אַיינְגֶערֶעדְט דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ צוּ קוּמֶען צוּ

זֵייעֶר שְׁמוּצִיגֶע פַּארְדָארְבֶּענֶע לַאגֶערְן. יֶעדְן טָאג אִיז גֶעוֶוען אַן עֶקְסְטֶערֶע עֲבוֹדָה צוּ בְּלַייבְּן פְרוּם אוּן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ פְּלֶעג שְׁרֵייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן," הָאט פֶּעטֶער שְׁמוּאֵל וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט וֶוען פוּן זַיינֶע אוֹיגְן רִינֶען טְרֶערְן," הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף!!! אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד! אִיךְ וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וִוי פַאר דֶער מִלְחָמָה! אִיךְ וִויל וַואקְסְן אַ תַּלְמִיד חָכָם!"

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מַיין תְּפִלָּה אִיז אַ תְּפִילַת שָׁוְא. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעמֵיינְט אַז אִידִישְׁקַייט אִיז שׁוֹין אַ פַארְגַאנְגֶענְהֵייט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶען קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד פַאר דִי אוֹיגְן אַ לַאנְגֶע צַייט. אָבֶער אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מִיךְ הִיטְן פוּן דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת.

אוּן וָואס מֵיינְסְטוּ וֶועלְוֶועלֶע? הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיר? קֶען דֶען זַיין אַז דִי תּוֹרָה אִיז חַס וְשָׁלוֹם פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען?

פְּלוּצְלוּנְג אֵיין טָאג לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל מִיט יְסוּרֵי נֶפֶשׁ אוּן יְסוּרֵי גוּף זֶע אִיךְ אַ אִיד מִיט אַ בָּארְד אוּן אַ הַדְרַת פָּנִים קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר!

"אוֹי, טַאטֶע!" הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן, "אַזוֹי הָאט מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶעזֶען, פּוּנְקְט וִוי אַייךְ, מִיט אַ לַאנְגֶער בָּארְד.

דֶער אִיד פְרֶעגְט מִיר, "וִוי אַזוֹי הֵייסְטוּ, צַדִיקְ'ל?" פְרֶעגְט עֶר מִיר מִיט אַזֶעלְכֶע רַחֲמָנוּת'דִיגֶע אוֹיגְן וָואס אִיז צֶעגַאנְגֶען אִין מַיין הַארְץ.

"מַיין נָאמֶען אִיז שְׁמוּאֵל," הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"מַיין לִיבֶּער קִינְד, וִוי אַזוֹי פִילְסְטוּ זִיךְ?"

אַזוֹי הָאט דֶער אִיד אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ חִיוּת אִין מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע גֵייסְט. עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע לִיגְנְט וָואס מֶען הָאט אוּנְז אַיינְגֶערֶעדְט אַז אִידִישְׁקַייט אִיז אַ פַארְגַאנְגֶענְהֵייט. אִינְדְרוֹיסְן אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט פוּל מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זִיכֶער מוּז מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ בַּאקֶענְט מִיט עַסְקָנִים, זָאלְן זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פַאר אַלֶע זֵייעֶר פְּעֻלּוֹת.

אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען. זֵיי הָאבְּן גֶערַאטֶעוֶועט אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת אוּן אוֹיפְגֶעטוּן נִצְחִיוּת.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהַיילְט הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעטְרָאגְן צוּ אַ כָּשֶׁר'ע עֶרְהוֹילוּנְג'ס לַאגֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי פְּלֵיטִים. דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט זַיין צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיפְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען וִוי מַיין חָלוֹם אִיז גֶעוֶוען. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט אַ לָאךְ אִין מַיין קָאפּ אוּן אַרַיינְגֶעטְרָאפְט דָאס לֶערְנֶען וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְפַאסְט דִי אַלֶע מִלְחָמָה יָארְן.

דוּ זֶעסְט, וֶועלְוֶועלֶע? קוּק דִי עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט. דָאס אִיז אַלֶעס זְכוּת אָבוֹת אוּן מַיינֶע טְרֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְגָאסְן. אוּן מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מִתְפַּלֵל זַיין. אִיךְ בִּין וַוייטֶער מִתְפַּלֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' לוי יצחק הערשקאוויטש הי"ו

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' נחמן יואל פישער הי"ו

המשך פון זייט 1

שְׁוועֶרע עֲבוֹדוֹת – סִגוּפִים אוּן תַּעֲנִיתִים א.ד.ג. ר' נָתָן אִיז דַאן גֶעשְׁטַאנֶען פַארְן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַארְוואוּנְדֶערְט:

"מִיר הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה?!"

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעהוֹיבְּן זַיין קוֹל, וִוי אֵיינֶער זָאגְט: "אוֹיבּ דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, הָאסְטוּ אִין דִיר קַיין אֱמוּנָה נִישְׁט!" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן, אַז דֶער עִיקָר קַטְנוּת אִין דִי אֱמוּנָה אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז עֶר חָשׁוּב אוּן בַּאלִיבְּט אוּן טַייעֶר בַּיים בַּאשֶׁעפֶער. דָאס אִיז אַ גֶעוִויסֶע פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן קוּרְצְן מֵיינְט עֶס, אַז אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז אַ פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה. וַוייל לוֹיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס גְרוֹיסְקַייט אִיז יֶעדֶער אִיד חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן. עֲנָוָה מֵיינְט נִישְׁט הַאלְטְן פוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דֶער מַדְרֵיגָה פוּן זַיין אַן אֱמֶתֶ'ער עָנָיו.

*טֵבֵת תשפ"ג שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם:*

בֶּערֶעלֶע דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז. עֶר וִויל נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן מֶענְטְשְׁן. עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ אַז דִי טוֹיזְנְטֶער מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג אִיז נִישְׁט גֶענוּג טַייעֶר אוּן לִיכְטִיג בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר מֵיינְט נָאךְ אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו - עֶר הַאלְט זִיךְ קְלֵיין מִיט זַיינֶע מִצְוֹת. אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן לוֹיט דִי תּוֹרָה, צוּ זָאגְן פַאר דִי אַרוּמִיגֶע: "אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד..."

אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים קוּמֶען צוּ אִים אוּן זָאגְן: "בֶּערֶעלֶע, בֶּערֶעלֶע, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי אַיינְגֶעבּוֹיגְן מִיטְן פְּטוּם אַרָאפּ? דוּ וֵוייסְט וֶוער דוּ בִּיסְט??? דוּ בִּיסְט דֶער אֵיין אֵיינְצִיגְסְטֶער קִינְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער!! אוֹיף דִיר שְׁטֵייעֶן אַלֶע וֶועלְטְן, מִיט יֶעדֶע רִיר אוּן רִיר, יֶעדֶע תְּנוּעָה וָואס דוּ רוּקְסְט זִיךְ יֶעדֶע פִּיצְקֶעלֶע הָאר וָואס דוּ טוּסְט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן טַייעֶר אוּן דוּ לוֹיפְּסְט פָארְאוֹיס מִיט דֶעם אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְטְן טוֹיזֶענְטֶער מֵיילְן!!



בֶּערֶעלֶע גֵייט אַרוֹיס אַ טֶענְצְל זִינְגְנְדִיג, "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"...... אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל מֶען שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקַייט זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן בַּאלֵייכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וַוייל נָאר דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט.

# ~ דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה 3




**אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אֵיין וְוינְדֶער בַּיי דִי לַייט.** אַז סֶע זָאל זִיךְ גִיפִינֶען אַ מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר זָאל צוּ זֵיי קוּמֶען. אוּן זָאל זֵיי אַזוֹינְס זָאגִין. גָאר אַקֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. אַז דָאס מוּז זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.

**וָוארִין זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיהֶערְט.** אַז סֶע אִיז פַּאר הַאנְדִין אַזוֹי אַ בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָוארִין דִי זַאךְ פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין מְפוּרְסָם גִיוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט (כַּנַּ"ל)

**אוּן מֶען פְלֶעגְט** אִים רוּפִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער פְרוּמֶער בַּעַל תְּפִלָּה. נָאר זֵיי הָאבִּין אִים נִישְׁט גִיקָאנְט חַאפִּין. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. בַּיי דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים גִיהַאט וִוי אַ סוֹחֵר אוּן בַּיי דֶעם. וִוי אֵיין אָרוּם מַאן וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן תֵּיכֶף אִיז עֶר נִמְלַט גִיוָוארִין פוּן דָארְט (כְּלוֹמֶר עֶר אִיז גִיךְ אַוֶועק פוּן זֵיי).

**וַיְהִי הַיּוֹם** אוּן סֶע אִיז גִיוֶוען אֵיין גִבּוֹר. וָואס מִיט אִים הָאבִּין זִיךְ צוּם הוֹיף גִינוּמֶען כַּמָּה גִבּוֹרִים. אוּן דֶער גִבּוֹר מִיט זַיינֶע גִבּוֹרִים. אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען מְדִינוֹת.

**אוּן דֶער גִבּוֹר** הָאט מֶער נִיט גִיוָואלְט נָאר הַכְנָעָה. (כְּלוֹמֶר מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער טֶענִיג אוּנְטֶער אִים) אוּן אַז דִי מְדִינָה פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים.

**פְלֶעגְט עֶר זֵיי צוּ לָאזִין.** אוּן אַז נִיט. פְלֶעגְט עֶר זֵיי חָרוּב צוּ מַאכִין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַלְץ כּוֹבֵשׁ גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אָפְּגִינוּמֶען) מְדִינוֹת. אוּן קֵיין גֶעלְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִיוָואלְט.

**נָאר הַכְנָעָה** אַז מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים. אוּן דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם גִבּוֹר אִיז גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט שִׁיקִין אִין דֶער מְדִינָה אַרְיין זַיינֶע גִבּוֹרִים. אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט גִיוֶוען פוּן דֶער מְדִינָה פוּפְצִיג מַייל. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים. אוּן עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגִינוּמֶען מְדִינוֹת.

**אוּן דִי סוֹחְרִים** פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת הַנַּ"ל. וָואס זֵיי פְלֶעגִין צוּ הַאנְדְלֶען אִין פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת כַּנַּ"ל. זֶענֶען דִי סוֹחְרִים אַהֵיים גִיקוּמֶען. אוּן הָאבִּין דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גִבּוֹר.

**אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין** אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. חָאטְשֶׁע זֵיי וָואלְטִין צוּ גִישְׁטַאנֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים.

**נָאר זֵיי הָאבִּין גִיהֶערְט.** אַז עֶר אִיז מְמָאֵס גֶעלְט. אוּן עֶר ווִיל גָאר קֵיין גֶעלְט נִיט. אוּן דָאס אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען. אַקֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אוּנְטֶער גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים. וָוארִין סֶע בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַזוֹי וִוי שְׁמַד. ווַייל עֶר גְלֵייבְּט גָאר נִיט אִין זֵייעֶר אֱמוּנָה דְהַיְינוּ אִין גֶעלְט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט** פַּאר אִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ טָאן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת. אוּן מַקְרִיב צוּ זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (דְהַיְינוּ צוּ דִי וָואס הָאבִּין פִיל גֶעלְט)

**אוּן הָאבִּין גִינוּמֶען** אַ חַיָּה'לֶע (דְהַיְינוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַבִּיסִיל גֶעלְט וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי אַ חַיָּה גִיוֶוען) **אוּן הָאבִּין אִים** מַקְרִיב גִיוֶוען פַּאר אַ קָרְבָּן צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (הַנַּ"ל)

**אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיטָאן** זֵייעֶרֶע אִיבְּרִיקֶע עֲבוֹדוֹת (דְהַיְינוּ דִי זַאכִין וָואס זֵיי פְלֶעגִין דֶערְמִיט צוּ דִינֶען זֵייעֶרֶע גָאטִין).

**אוּן דֶער גִבּוֹר** אִיז אַלֶע מָאל נֶעהֶנְטֶער צוּ גִיקוּמֶען צוּ זֵיי. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹבִּין צוּ שִׁיקִין צוּ זֵיי זַיינֶע גִיבּוֹרִים. וָואס זֵיי ווִילִין. אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען כַּנַּ"ל.

**אִיז אוֹיף זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פַּחַד.** אוּן זֵיי הָאבִּין נִיט גְוואוּסְט וָואס צוּ טָאן. הָאבִּין זֵיי דִי סוֹחְרִים זֵייעֶרֶע אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן. בַּאֲשֶׁר. זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין אַ מְדִינָה. וָואס דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גַאטִין.

**אוּן פָּארִין** מִיט מַלְאָכִים. דְהַיְינוּ יֶענֶע מְדִינָה אִיז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה. פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס זֶענֶען אַלֶע ווִילְד גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֵייעֶר.

**בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער** פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַ גָאט (וֶועדְלִיג זֵייעֶר נַארִישׁ פַאר פִּירְטְקֵייט. וָוארִין דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַזוֹי אֵיין עוֹשֶׁר אוּן הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. ווִיפִּיל בַּיי זֵיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט אַז מִיט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט אִיז מֶען שׁוֹין אַ גָאט כַּנַּ"ל)

**אוּן זֵיי פָּארִין** מִיט מַלְאָכִים. וָוארִין זֵייעֶרֶע פֶּערְד זֶענֶען צוּ גִידֶעקְט מִיט אַזוֹי אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוֹת מִיט גָאלְד אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ גְלַייכִין. וָואס אַ דֶעק פוּן אַ פֶּערְד (פוּן דֶער מְדִינָה) טְרֶעפְּט אָן ווִיפִּיל בַּיי זֵיי הָאט אַ מַלְאַךְ. (דְהַיְינוּ מִיט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט ווִי אַ דֶעק פוּן אַ פֶּערְד טְרֶעפְּט אָן בַּיי דֶער מְדִינָה. אִיז מֶען בַּיי זֵיי שׁוֹין מִיט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט אַ מַלְאַךְ)

**נִמְצָא פָּארִין** זֵיי מִיט מַלְאָכִים זֵיי שְׁפַּאנֶען אֵיין דְרַיי פָּאר מַלְאָכִים אוּן פָּארִין מִיט זֵיי. בְּכֵן בַּאדַארְפְט אִיר שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן זֵיי וֶועלִין אַייךְ בְּוַודַּאי הֶעלְפִין וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע גָאטִין. (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי עֵצָה פוּן זֵייעֶרֶע סוֹחְרִים)

**אִיז דִי עֵצָה זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין.** וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיגְלֵייבְּט. אַז זֵיי וֶועלִין בְּוַודַּאי גִיהָאלְפִין וֶוערְן דוּרְךְ יֶענֶער מְדִינָה. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט אַלֶע גָאטִין כַּנַּ"ל.

**אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה. טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי פָּארְט אַרוֹיס פִּירִין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט.

**אוּן עֶר אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען.** אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי שׁוֹמְרִים. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט אֵיין שׁוֹמֵר. אַזוֹי ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז.

**הָאט אִים דֶער שׁוֹמֵר דֶערְצֵיילְט** פוּן דֶער גִבּוֹר. אַז זֵיי הָאבִּין גְרוֹיס פַּחַד פַאר אִים. הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. וָואס הָאט אִיר בְּדֵיעָה צוּ טָאן. הָאט אִים דֶער שׁוֹמֵר דֶערְצֵיילְט. דִי זַאךְ הַנַּ"ל. אַז זֵיי ווִילִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין וְכוּ' כַּנַּ"ל.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיס אִים זֵייעֶר גִילַאכְט.** אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיס נַארִישְׁקֵייט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי ווִי מִיר (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין אַהִין גִיוָואלְט שִׁיקִין זֵיי זֶענֶען נָאר מֶענְטְשְׁן) אוּן אִיר אַלֶע מִיט אַייעֶרֶע גָאטִין זֶענֶען אַלֶע נָאר מֶענְטְשְׁן.

**אוּן סֶע אִיז קֵיינֶער קֵיין גָאט נִיט.** סֶע מֶער נִיט פַארְהַאנְדִין נָאר אֵיין גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָואס הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין. אוּן אִים אַלֵיין בַּאדַארְף מֶען נָאר צוּ דִינֶען אוּן צוּ אִים בַּאדַארְף מֶען נָאר מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן נָאר דָאס אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**אוּן דֶעסְט גְלַייכִין** נָאךְ אַזוֹינֶע רֵייד הָאט אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִירֶעט מִיט דֶעם שׁוֹמֵר. אוּן דֶער שׁוֹמֵר הָאט אַלְץ נִיט צוּגִיהֶערְט. וָוארִין סֶע אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַיינְגִיזֶעצְט גִיוֶוען זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט כַּנַּ"ל.

**נָאר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** הָאט אָבֶּער מִיט אִים אַסַאךְ גִיטַעֲנִי'ט. בִּיז צוּם סוֹף. הָאט דֶער שׁוֹמֵר אִים גִיעֶנְפֶערְט. ווַייטֶער וָואס קָאן אִיךְ טָאן. אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער.

**אוּן דָאס הָאט שׁוֹין אַ פָּנִים** עֶפֶּעס פוּן אֵיין תְּשׁוּבָה. וָוארִין דִי רֵייד וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט פְרִיר גִירֶעט מִיט דֶעם שׁוֹמֵר. אוּן דִי רֵייד וָואס עֶר הָאט אִיצְט גִירֶעט.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ אִין אֵיינֶעם צוּם הוֹיף גִינוּמֶען.** בִּיז זֵיי **הָאבִּין אִים עֶפֶּעס גִירִירְט.** (וָוארִין דִי תְּשׁוּבָה וָואס דֶער שׁוֹמֵר הָאט גִיעֶנְפֶּערְט. וָואס קָאן אִיךְ טָאן וְכוּ׳. דָאס וַוייזְט אוֹיס אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה הֵייבִּין שׁוֹין אָן עֶפֶּעס אַבִּיסְל אַרַיין צוּ גֵיין אִים אִין הַארְצִין אַרַיין)

**אוּן אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** גִיגַאנְגֶען צוּם אַנְדֶערִין שׁוֹמֵר. אוּן הָאט מִיט אִים אוֹיךְ גִירֶעט אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז כַּנַּ״ל אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ נִיט צוּ גִיהֶערְט אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיעֶנְפֶּערְט כַּנַּ״ל. אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער וְכוּ׳ כַּנַּ״ל. אוּן אַזוֹי אַלֶע שׁוֹמְרִים הָאבִּין אִים גִיעֶנְפֶּערְט דִי תְּשׁוּבָה צוּם סוֹף.

**דֶערְנָאךְ אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן וִוידֶער מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּסִין וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען. בַּאֲשֶׁר אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען גָאר אִין טָעוּת זֵייעֶר.

**אוּן דָאס גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט** נָאר דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז אַז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וְכוּ׳. הָאבִּין זֵיי אִים נִישְׁט צוּגִיהֶערְט וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע זֵייעֶר גִיוֶוען אַיינְגִיוָוארְצִילְט אִין דֶעם גֶעלְט פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אִים דֶערְצֵיילְט** פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוּן אַז זֵיי וִוילִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין וְכוּ׳ כַּנַּ״ל. הָאט עֶר אוֹיס זֵיי אוֹיךְ גִילַאכְט.

**אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיזָאגְט.** אַז דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע נָאר מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִיט קָאנֶען הֶעלְפִין וָוארִין אִיר זֶענְט מֶענְשְׁן אוּן זֵיי זֶענֶען מֶענְשְׁן אוּן זֵיי זֶענֶען גָאר קֵיין גָאט נִיט. **נָאר אֵיין גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז פַארְהַאנְדִין וְכוּ׳.** אוּן מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר.

**הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין** (מִיט דֶעם לָשׁוֹן). אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר (אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פַארְווּנְדֶערְט זִיךְ. אוֹיבּ דָאס אִיז נִיט דֶער וָואס עֶר ווֵייסְט) הָאבִּין זֵיי נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט. אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערִין אוּן הָאט מִיט זֵיי אַלְץ אַזוֹי גִישְׁמוּסְט. כַּנַּ״ל.

אוּן מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר צוּ אִיטְלִיכְן גִיזָאגְט. אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר וְכוּ׳ כַּנַּ״ל. הָאבִּין זֵיי נִיט פַארְשְׁטַאנֶען זַיינֶע רֵייד. וָואס עֶר מֵיינְט.

**דֶערְוַוייל אִיז גִיוָוארִין אִין שְׁטָאט** אֵיין רַעַשׁ. בַּאֲשֶׁר אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אֵיינֶער וָואס עֶר רֶעט אַזוֹינְס וָואס עֶר מַאכְט אַ גִילֶעכְטֶער פוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה.

**אוּן עֶר זָאגְט** אַז סֶע אִיז נָאר אַ יָחִיד פַארְהַאנְדִין דְהַיְינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּרוּךְ הוּא וְכוּ׳. אוּן מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר זָאגְט עֶר אַלְץ אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר וְכוּ׳ כַּנַּ״ל.

**הָאבִּין זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי מְפוּרְסָם גִיוֶוען כַּנַּ״ל.

**הָאט מֶען גִיהֵייסְן** אַז מֶען זָאל אִים זוּכִין אוּן מֶען זָאל אִים חַאפִּין. כָאטְשֶׁע עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלִין (דְהַיְינוּ אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין סוֹחֵר אוּן אַמָאל פַאר אֵיין אָרִימַאן וְכוּ׳ וָואס מַחְמַת דֶעם הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט חַאפִּין כַּנַּ״ל)

**נָאר זֵיי הָאבִּין** אָבֶּער דֶערְפוּן אוֹיךְ גְווָאוּסְט. אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנְדֶערְשׁ. הָאבִּין זֵיי גִיהֵייסִין נָאךְ קְלֶערִין נָאךְ אִים. אוּן מֶען זָאל אִים חַאפִּין,

**הָאט מֶען אִים נָאךְ גִיזוּכְט** בִּיז זֵיי הָאבִּין אִים גִיחַאפְּט. (דְהַיְינוּ דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִבְּרַאכְט צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְצְטֶע.

דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה" צייטליך שבת אינדערפרי פרשת שמות ביים דאווענען איז

הילד החשוב ישראל שנעק, מאנטשעסטער

די קינדער וואס האבן געווינען קענען דאס אפנעמען אין טאהש ביי ר' אברהם שלמה פאדווע, אין מאנטשעסטער ביי ר' שמואל הארוויץ

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעטע מעשה (3) - מבעל תפילה

**א. וויאזוי פלעגט די וועלט רופן דעם בעל תפלה?**
- ❑ דער מלאך אלוקים
- ❑ דער פרומער בעל תפלה
- ❑ דער צדיק הדור

**ב. וואס האט געטון דער גבור מיט זיינע גבורים?**
- ❑ ער איז געגאנגען אין איינגענומען מדינות
- ❑ ער איז געגאנגען און אויסגע'הרג'עט מדינות
- ❑ ער איז געגאנגען און געכאפט מענטשן

**ג. וואס האט דער גבור געוואלט?**
- ❑ כבוד,אז מ'זאל אים מכבד זיין
- ❑ געלד, אז מ'זאל אים געבן זייער געלד
- ❑ הכנעה, אז מ'זאל זיך אונטערטעניגן אונטער אים

**ד. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות זיך נישט געקענט מכניע זיין צום גבור?**
- ❑ ווייל ער איז ממאס געלד און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ❑ ווייל ער איז ממאס תאוות און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ❑ ווייל ער איז ממאס כבוד און דאס איז קעגן זייער אמונה

**ה. וואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געטון ווען זיי האבן געהערט פון דעם גבור?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן מקריב זיין צו זייערע גאטין
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן דאווענען צום באשעפער
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן געבן אסאך צדקה

**ו. וואספארא עצה האבן זייערע סוחרים געגעבן פאר זיי?**
- ❑ אז זיי זאלן אנטלויפן
- ❑ אז זיי זאלן זיך מכניע זיין
- ❑ אז זיי זאלן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע האבן אזויפיל געלד וואס לויט זייער שיטה זענען זיי אלע גאטין - אז זיי זאלן זיי העלפן

**ז. וואס האט דער שומר פון מדינה של עשירות געזאגט צום בעל תפלה ווען ער איז נאכאמאל געקומען צו זיי?**
- ❑ אז זיי האבן גארנישט מורא פונעם גבור
- ❑ אז זיי ווילן תשובה טוהן און פאר'מיעוס'ן געלד
- ❑ אז זיי האבן מורא פונעם גבור און זיי ווילן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע זענען דארטן (לויט זייער שיטה) גאטין

**ח. וואס האט דער בעל תפלה געענטפערט?**
- ❑ ער האט אים זייער אויסגעלאכט און געזאגט אז ס'איז א גרויסע נארישקייט אז זיי זענען גאטין
- ❑ ער האט זייער געוויינט און גארנישט געזאגט
- ❑ ער האט זייער געקרעכצעט און איז אוועק געגאנגען

**ט. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט?**
- ❑ עס איז נאר דא איין גאט אוף דער וועלט
- ❑ אז נאר דעם אייבירשטן דארף מען דינען און צו אים דארף מען דאווענען
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט דער שומר צום סוף געענטפערט?**
- ❑ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער
- ❑ וואס קען איך טוהן איך טראכט אנדערש
- ❑ וואס קען איך טוהן איך וויל נישט הערן

**יא. וואס האט דער בעל תפלה פארשטאנען פון די ענטפער?**
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן נאך גארנישט אויפגעטון ביי די מענטשן
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן שוין אינגאנצן אויפגעטון ביי די מענטשן
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן שוין עפעס אביסל אויפגעטון ביי די מענטשן

**יב. וואס האבן די אנדערע שומרים געענטפערט צום סוף?**
- ❑ א טייל אזויווי דער ערשטער און א טייל האבן נישט געוואלט הערן
- ❑ יעדער עפעס אנדערש
- ❑ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער

**יג. וואס האט דער בעל תפלה נאכדעם געטון?**
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו זיין פלאץ חוץ לישוב
- ❑ ער איז אריין אין שטאט און גערעדט פון אמת'ן תכלית
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען רעדן מיט דעם ערשטן שומר

**יד. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**
- ❑ אז ער איז נישט אזא גבור
- ❑ אויב איז עס נישט דער גבור ?! (אזויווי איינער וואס וואונדערט זיך)
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. האבן זיי פארשטאנען וואס ער מיינט?**
- ❑ זיי האבן גוט פארשטאנען
- ❑ זיי האבן נישט פארשטאנען
- ❑ א חלק יא און א חלק נישט

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז___________________________.
- ❑ זיך נישט צו אויסלערנען פון מענטשן וואס האבן תאוות ממון
- ❑ ___________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11




טרעל 10 חילוקים




פְרַייטָאג עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ שְׁבָט, יָאר תקע"א אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מִיר זֶעגֶען גֶעפָארְן נָאכְן רֶבִּי'נְס פְּטִירָה קַיין אוּמַאן כְּדֵי זִיךְ צוּ מִשְׁתַּטֵּחַ זַיין אוֹיף זַיין הֵיילִיגְן צִיּוּן, אוֹיף וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן גֶעבְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶען תְּהִלִּים וֶועט עֶר אִים הֶעלְפְן לָנֶצַח (יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת)